**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/19/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט שטיצע נאכפאלגנדיג שרעקליכע פארפלייצונגען פאראורזאכט דורך הוריקאן פיאָונע**

***100 ניו יארק סטעיט טרופערס ווערן געשיקט ווערן צו פארטא ריקא צו ארויסהעלפן מיט רעטונג באמיאונגען***

***סטעיט אגענטורן, ניו יארק'ס בויען ארבייטער יוניאן, פריוואטע ביזנעסער און קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס שטייען גרייט צו העלפן אזוי ווי פארטא ריקא גייט אריבער טראפישע שטורעם און איין מיליאן איינוואוינער זענען אן עלעקטריציטעט***

***פאטענציאל פאר לעבנס-סכנות'דיגע און קאטאסטראפישע פארפלייצונגען פארזעצנדיג אין דרום און מזרח טיילן פון די אינזל אין שווערסטע שטורעם צו באטרעפן פארטא ריקא זינט הוריקאן מאריא אין 2017***

***גאווערנער האקול שטייט אין פארבינדונג מיט פארטא ריקא גאווערנער, דאמיניקאנער רעפובליק פרעזידענט, און אפפערט פולשטענדיגע שטיצע פון סטעיט אגענטורן מיט עמערדזשענסי אפרוף מיטלען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט ניו יארק סטעיט'ס שריט צו שטיצן פארטא ריקא נאכפאלגנדיג די שרעקליכע פארפלייצונגען און ווינטן פאראורזאכט דורך הוריקאן פיאָונע, די שווערסטע שטורעם צו באטרעפן די אינזל זינט הוריקאן פיאָונע אין 2017. נאכפאלגנדיג א טעלעפאן רוף מיט פארטא ריקא גאווערנער פעדראָ פיערלוּאיזי, האט גאווערנער האקול אנגעוויזן די ניו יארק סטעיט פאליציי צו שיקן 50 טרופערס צו העלפן האלטן איינוואוינער זיכער, און נאך 50 טרופערס וועלן ארויסגעשיקט ווערן אין די קומענדיגע וואכן. די גאווערנער האט אויך אנאנסירט אז די סטעיט האט געארבעט מיט Delta, JetBlue, Coca-Cola, ניו יארק סטעיט'ס געביידע ארבייטער יוניאן (New York Building Trades), די גרעיטער ניו יארק שפיטאל אסאָסיעישען און SOMOS Community Care, וועלכע האבן אלע צוגעזאגט זייער שטיצע פאר אפרוף און ערהוילונג באמיאונגען. אין צוגאב שטייען מאנשאפטן פון די ניו יארק פאווער אויטאריטעט (New York Power Authority, NYPA) גרייט צו ארויסגעשיקט ווערן און העלפן צוריקצושטעלן עלעקטריציטעט אויף די אינזל.

"ניו יארק איז גוט באקאנט מיט די חורבנות וואס די נאטור קען אנזייען, און דערפאר זענען מיר גרייט צו העלפן די מענטשן פון פארטא ריקא זיך צו ערהוילן און זיך צוריקבויען פון די שרעקליכע שטורעם", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזערע ברידער און שוועסטער אין פארטא ריקא זענען פעלזן פעסט, אבער אין אזעלכע צייטן וועט ניו יארק שטיין גרייט צו העלפן אין סיי וועלכע וועג וואס מיר קענען, אריינרעכענענדיג דורכן שיקן מאנשאפטן און הילפס-מיטלען צו העלפן די אינזל און אירע איינוואוינער זיך צו ערהוילן."

די דאמיניקאנער רעפובליק ווערט אויך באטראפן דורך הוריקאן פיאָנע, און גאווערנער האקול שטייט אין פארבינדונג מיט דעם פרעזידענט פון די דאמיניקאנער רעפובליק, לואיס אבינעידער, צו שטיצן דעם לאנד'ס ערהוילונג באמיאונגען. גאווערנער האקול האט ווידערהאלט אז די שטורעם איז נאכנישט פאראיבער, אזוי ווי די באוועגונג דערפון אין די צפון-מערב ריכטונג איז ערווארטעט צו פארזעצן דורכאויס די אוונט בעפארן זיך איינדרייען צו צפון-מזרח שפעטער די וואך.

דעם זונטאג האט פרעזידענטביידן דעקלערט הוריקאן פיאָנע אלץ אן עמערדזשענסי, אויטאריזירנדיג FEMA צו קאארדינירן קאטאסטראפע ערהוילונג באמיאונגען. ניו יארק וועט ארבעטן צו שטיצן סיי וועלכע פארלאנגען קאארדינירט דורך FEMA אין די בעפארשטייענדע טעג צו העלפן די איינוואוינער פון פארטא ריקא. Delta און JetBlue וועלן ביידע מנדב זיין פלאץ אויף פראכט עראפלאנען און טראנספארטירן עמערדזשענסי מאנשאפטן; די גרעיטער ניו יארק שפיטאל אסאָסיעישען וועט צושטעלן מעדיצינישע עקוויפמענט; און Coca-Cola האט צוגעזאגט וואסער און נאך עקוויפמענט. Habitat for Humanity פון ניו יארק סיטי און וועסטשעסטער קאונטי און די סטעיט'ס בויען ארבייטער יוניאן האבן אויך צוגעזאגט זייער שטיצע אזוי ווי די באדערפענישן ווערן קלארער.

פארטא ריקא האט באקומען רעגנס פון די שטורעם מיט א סך הכל פון 12 ביז 20 אינטשעס און ביז אזויפיל ווי 30 אינטשעס אין טייל געגנטער. אזא מאס פון רעגן איז אומשטאנד צו פאראורזאכן לעבנס-סכנות'דיגע און קאטאסטראפישע פארפלייצונגען. מער פון איין מיליאן פארטא ריקאנער זענען יעצט אן עלעקטריציטעט אזוי ווי קריטישע אינפראסטראקטור סיסטעמען זענען געשעדיגט געווארן און די טראפישע שטורעם זעצן פאר צו באטרעפן די אינזל.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) קאמישאנער דזשעקי ברעי האט געזאגט,** "אונזערע הערצער זענען מיט די מענטשן פון פארטא ריקא אזוי ווי זיי גייען דורך די חורבנות פון נאך א שרעקליכע הוריקאן. איך און גאווערנער האקול פאלגן נאך פיאָנע פון די נאענט, און סיי וועלכע ווייטערע שאדנס די שטורעם קען אנזייען ווייטער פון די אינזל. די DHSES'ס עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער וועט קאארדינירן סטעיט אגענטורן אפרופונג אויפן שטח אזוי ווי נאך פארלאנגען קומען אריין פון FEMA און פון פארטא ריקא."

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט צייטווייליגער פרעזידענט און CEO, דזשאָסטין ע. דריסקאל, האט געזאגט,** "די NYPA שטייט מיט אונזערע ברידער און שוועסטער אין פארטא ריקא אזוי ווי זיי שוויצן דורך הוריקאן פיאָנע און די שוועריגקייטן וואס די שטורעם ברענגט מיט זיך. פונקט ווי מיר האבן ארויסגעהאלפן פארטא ריקא נאכפאלגנדיג לעצטיגע הוריקאנען, שטייען מיר היינט גרייט צו העלפן מיט די אפרופונג צו פיאָנע. די NYPA האט ארויסגעהאלפן מיט די באפעסטיגונגען פון פארטא ריקא'ס ענערגיע פארוואלטונג סיסטעם, און מיר האבן געהאלפן מיט סטראטעגישע פלאנירונג צו העלפן אוועקרוקן די אינזל פון א טרייב-קראפט סיסטעם וואס איז געוואנדן אויף ברענשטאף גאזן. אזוי ווי די עמערדזשענסי אנטוויקלט זיך, שטייען מיר גרייט צו העלפן מיט באדערפענישן און מיר מאכן אונזערע מיטלען גרייט צו העלפן ווי נויטיג."

**ניו יארק סטעיט פאליציי סופעראינטענדענט קעווין פ. ברוּען האט געזאגט,** "סטעיט טרופערס שטייען אייביג גרייט צו צושטעלן הילף ווען אימער נויטיג, נישט קיין חילוק אויב עס איז אין ניו יארק סטעיט אדער אנדערשוואו. מיר זענען איבערגעגעבן צו די מיסיע צו העלפן אונזערע שכנים אין פארטא ריקא אזוי ווי זיי ערהוילן זיך פון די נאכווייען פון הוריקאן פיאָנע."

זינט האריקאן מאריא האט ניו יארק געהאלפן פארטא ריקא פארזיכערן ביליאנען דאלארן אין פעדעראלע געלטער פון FEMA צו ערהוילן און צוריק אויפבויען די אינזל'ס ענערגיע אינפראסטראקטור, אין צוגאב צו די NYPA דורכפירנדיג טעכנישע אפשאצונגען פון טרייב-קראפט פלענטס און סאב-סטאנציעס אויף די אינזל.

אין נאוועמבער 2021 האט גאווערנער האקול אנאנסירט א [שותפות](#) צו פארברייטערן סאלארישע (זון) ענערגיע אנטוויקלונג שטיצע פאר פארטא ריקא און די ווירדזשין איילענדס. אלץ טייל פון די שותפות, האט די סטעיט צוגעשטעלט נייע טרענירונג מאטעריאלן, פערמיטס און פינאנצירונג מומחיות וואס וועלן שטיצן די אנטוויקלונג פון סאלארישע ענערגיע אינדוסטריעס אויף די אינזלען. די באמיאונגען האבן ווידערהאלט ניו יארק'ס לאנגיאריגע איבערגעגעבנקייט צו העלפן פארטא ריקא'ס איבערבויאונג און ערהוילונג פון האריקאנען אירמע און מאריא, און זיי האבן געהאלפן ווידערהאלן ניו יארק סטעיט'ס פארפליכטונג צו פארזיכערן א וואקסנדע ריינע ענערגיע ארבעטסקראפט און א יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418